# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת תשפ"ב שָׁנָה ט | גִּלָּיוֹן מס' 406



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


# פניני אמונים

## פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### 'המתפלל על חברו' קען פארמערן צו דאווענען

"וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה הִוא וַיֵּעָתֶר לוֹ ה' וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ" (כה כא)

"'ויעתר' - הרבה והפציר בתפילה" (רש"י)

**דער דובנער מגיד זאגט:**

טראץ וואס מיר ווייסן אז ווען איינער דאוונט אויף זיינעט וועגן, זאל ער נישט פארמערן און מוטשען ביים דאווענען, און אויך נישט בעטן מער פון וואס עס פעלט אים, אבער ווען ער דאוונט אויף זיין חבר קען ער יא פארמערן צו דאווענען און אויך בעטן אויף מער פון וואס זיין חבר נויטיגט זיך. וועגן דעם, דער וואס וויל אסאך דאווענען אויף אייגענע זאכן, אדער ער וויל מ'זאל אים משפיע זיין מער פון וואס עס פעלט אים, קען עס טון דורך דעם וואס ער וועט בעטן אויף זיין חבר, און דורך דעם וועט זיין תפילה העלפן צום ערשט פאר אים אליין, ווייל "המבקש רחמים על חברו והוא צריך לאותו דבר, הוא נענה תחילה" (ב"ק צב א).

דאס זאגט דער פסוק: "וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה'" - יצחק האט פארמערט צו דאווענען, און ווייל זיין תפילה איז נישט געווען פאר זיך, נאר "לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה הִוא", וועגן דעם: "וַיֵּעָתֶר לוֹ ה'", האט אים געהאלפן דאס וואס ער האט אסאך געבעטן - אלץ 'המתפלל על חברו'.

דאס האט דוד המלך אינזין געהאט זאגנדיג (תהלים לה יג): "וַאֲנִי בַּחֲלוֹתָם לְבוּשִׁי שָׂק עִנֵּיתִי בַצּוֹם נַפְשִׁי וּתְפִלָּתִי עַל חֵיקִי תָשׁוּב"; ווען איך דאוון פאר אנדערע האב איך פארמערט צו דאווענען, און איך האב אנגעטון א זאק און געטון פאסטן, "וּתְפִלָּתִי עַל חֵיקִי תָשׁוּב" - די תפילות האבן מיר געהאלפן, אלץ 'המתפלל על חברו'.

'אהל יעקב'

### די כוונה אין הארץ האט נישט געהאלפן פאר עשו

"כִּשְׁמֹעַ עֵשָׂו אֶת דִּבְרֵי אָבִיו וַיִּצְעַק צְעָקָה גְּדֹלָה וּמָרָה עַד מְאֹד וַיֹּאמֶר לְאָבִיו בָּרְכֵנִי גַם אָנִי אָבִי" (כז לד)

דער **רלב"ג** וואונדערט זיך: פארוואס איז עשו אזוי אויפגעציטערט געווארן, ווען זיין פאטער יצחק האט געבענטשט יעקב האט ער דאך אינזין געהאט אויף אים און נישט אויף יעקב, אויב אזוי האט דאך די ברכה חל געווען אויף אים און נישט אויף יעקב?

ערקלערט **רבי שמואל דוד וואלקין** רב קהילת 'בית אהרן' אין ברוקלין:

דער 'מגן אברהם' פסק'נט (קיט א) אז דער וואס דאוונט אויף א חולה אין זיין געגנווארט דארף ער נישט דערמאנען זיין נאמען, אבער דער וואס דאוונט אויף א חולה נישט אין זיין געגנווארט דארף דערמאנען זיין נאמען כדי זיין תפילה זאל אנגענומען ווערן.

לויט דעם פארשטייט מען פארוואס עשו איז אזוי אויפגעציטערט געווארן, ווייל ער איז דאך נישט געשטאנען נעבן זיין פאטער בשעת די ברכה, האט נישט געהאלפן דאס וואס זיין טאטע האט אים אינזין געהאט, ווייל זיין נאמען איז דאך נישט דערמאנט געווארן ביי דער נוסח הברכה אזוי ווי עס פעלט זיך אויס. אבער פאר יעקב האט עס יא געהאלפן אויך אן דערמאנען זיין נאמען, ווייל ער איז געשטאנען נעבן זיין פאטער בשעת די ברכה.

'רמת שמואל'

# פתחו שערים

## די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### א אנדערער בליק אויף די ברכות השחר

יעדן אינדערפריה הייבן מיר אן אונזער טאג מיטן זאגן א סעריע דערהויבענע ברכות וואס מיר לויבן דעם באשעפער אויף די וואונדערליכע גוטע זאכן און די פיל חסדים וואס מיר באקומען פון אים יעדן טאג פון דאסניי.

זיך אביסל מתבונן אין דעם קען צוברענגען מיר זאלן זיי זאגן מיט געפיל; נאר יעצט האבן מיר זיך אויפגעוועקט פון די נאכט-שלאף און שוין זענען מיר זוכה ארויסזאגן מיט אונזערע ליפן איינמאל נאכן אנדערן די ווערטער 'מלך העולם'. נארמאל וואלט אויסגעפעלט מיר זאלן דאס שרייען פון טיפן גארגל, מיט התרגשות און פארמאכטע אויגן אזוי ווי אין די ימים הנוראים. אבער, דא קומט דער שטרויכל פון 'מלומדה'. און וועגן דעם, די דערהויבענע ברכות, וואס דאס איז נאר א קלייניקייט וואס מיר קענען צוריקגעבן פארן באשעפער אויף די אומצאליגע טובות וואס מיט זיי נעמט ער אונז ארום יעדע מינוט, ווערן זיי געזאגט דורך אונז אויפן בעסטן פאל אין שול, אבער שנעל און אפגעכאפט, אן קיין כוונה און אן צולייגן הארץ. און ליידער אמאל ווי 'תפילת הדרך' - אויפן וועג צום שול אדער צו די ארבעט'ס פלאץ. עס זענען אויך דא ליידער וואס זאגן עס ווען זיי שלאפן נאך למחצה לשליש ולרביע...

לאמיר פרובירן זיך פארשטעלן א מענטש וואס מיר האבן געראטעוועט זיין לעבן און ער באדאנקט זיך פאר אונז מיט א האלבע מויל און פאר'חלום'ט, ווען ער האלט אינמיטן ליינען א אינטערעסאנטער ביכל - וועלן מיר קענען גערעכט געבן וואס ער טוט?! און אויב מיר פארשטייען אז אויף א מתנת בשר ודם דארפן מיר לויבן בדרך כבוד, איז דאך זיכער אויף די געוואלדיגע מתנה פונעם מלך מלכי המלכים. אויף אונז ליגט חוב צו האלטן טייער די ברכות און זיי זאגן מיט די ריכטיגע כוונה ווי עס דארף צו זיין.

לאמיר האבן פארשטאנד צו שענקען פאר אונז אט די וואונדערליכע מתנה - לויבן און דאנקען פארן מלך מלכי המלכים ווי עס דארף צו זיין.

א גוט שבת

יעקב דוב מרמורשטיין

# א הימלישע אנזאג וואס איז געשיקט געווארן דורך די באס

**דא האבן אייך א וואונדערליכער ערציילונג וואס איז געשיקט געווארן צו אונז דורך איינער פון אונזערע חשובע ליינער, א ישיבה-בחור וואס האט זוכה געווען זיך מדבק זיין אין די וואונדערליכע מצוה פון ענטפערן אמן צוליב א וואונדערליכן נס וואס איז געשען פאר זיין קליינטשיגער ברודער.**

א געווענליכע מיטוואך טאג ענדע חודש מרחשון האט זיך געדארפט ענדיגן אין די הויז פון די ירושלים'ער פאמיליע פ. אזוי ווי אלע טעג. אין א שפעטע נאכט שטונדע איז דער הויז שוין געווען איינגעארדנט, דער טיש איז שוין געווען אפגערוימט פון די פארבליבענע עסן פון די נאכטמאל.

אין דעם טונקעלען קינדער-צימער זענען שוין א טייל פון די קינדער געשלאפן. אויך די גרעסערע פון צווישן זיי זענען שוין געליגן אין בעט און געליינט קריאת שמע, די שטילקייט האט שוין געהאלטן ביים אויסשפרייטן זיינע פליגל אויף די הויז, אבער די געשריי וואס איז פלוצלינג געהערט געווארן האט אלעס איבערגעדרייט...

די שרעקעדיגע געשריי האט צוגעברענגט אז אלע זאלן אריינלויפן אין קינדער-צימער, דארט האבן זיי געטראפן זייער מאמע שטייט נעבן די בעט פונעם דריי-יעריגער אורי וואס שלאפט דארט, ווען זי איז כמעט געלעמט פון שרעק.

דער קליינער אורי האט שטענדיג מצליח געווען




צו איבערראשן מיט פרישע נארישקייטן וואס ער האט געטון מיט זיין ווילדקייט, אבער דער הויפט שווערקייט איז געווען ביים אים לייגן שלאפן. אנדערשט פון די אנדערע ברודער וואס זענען געגאנגען שלאפן רואיג און וואויל, די ווילדקייט פון אורי האט זיך ערוועקט פונקט אין די צייט, ער פלעגט ארויסטאנצן פון בעט און אלעס געטון ער זאל נישט איינשלאפן.

אין יענעם טאג האט פרוי פ. געוואלט רייניגן די עלעקטערישע קעסל-וואסער פון די פארזאמלטע שטיין וואס האט זיך אונטן צוגעקלעבט. זי האט אנגעפילט די קעסל מיט א שארפע רייניגונג'ס מאטריאל, און אזוי איבערגעלאזט די קעסל אויף עטליכע שעות אזוי ווי עס שטייט אין די אנווייזונגען. כדי עס זאל נישט געשען א אומגליק האט זי דערווייטערט די קעסל ביז די עק פון די קאונטער (שיש) און אלע קינדער זענען אנגעווארנט געווארן נישט אנרירן די קעסל ביזן ענדיגן עס רייניגן.

ווען אורי האט באמערקט אז זיינע ברודער אין זיין צימער שלאפן שוין רואיג, האט ער זיך געאיילט ארויפקריכן אויף די ווענטל פון די בעט און ארויסגעטאנצן.

יעדער איז געווען פארנומען מיט זיינע זאכן אין די אנדערע צימערן, אזוי אז קיינער האט נישט באמערקט ווי ער שלעפט א בענקל צו די קאונטער (שיש), אזוי אויך ווען ער האט אנגעפילט זיין פלעשל פון די מסוכנ'דיגע געטראנק וואס איז געווען אין קעסל, קיינער האט באמערקט אז ער נעמט א אנגעהאפנטע לעפל פון די פאודער וואס איז באליבט אויף אים און עס אריינגעלייגט אין זיין פלעשל, ווען אלעס ארום ווערט פארשמירט, קיינער האט נישט באמערקט ווי ער נעמט ארויס די מילך פון פרידזישער און אנגעפילט די פלעשל ביז אויבן.

און דאס ערגסטע פון אלעס - קיינער האט נישט באמערקט ווי ער נעמט די פלעשל מיט זיך אין בעט, און טרינקט אויס כמעט די גאנצע און פארמאכט זיינע אויגן...

עטליכע מינוט שפעטער איז די מאמע אריין אין קיך ענדיגן צו רייניגן קעסל. געציילטע סקונדעס האט איר גענומען כדי צו פארבינדן צווישן די ליידיגע קעסל, די שמוציגע קאונטער (שיש), אורי וואס שלאפט זייער שטיל, און די פלאש וואס איז נעבן אים וואס האט ארויסגעגעבן א שארפן און פארדעכטיגן גערוך. די אלע טיילן פון די פאזעל האבן זיך שנעל אויסגעשטעלט אין איר מח און צוליב דעם האט זי זיך אזויי ביטער צושריגן.

דער פאטער האט אויפגעהויבן אורי'ן מיט איין האנט און איז נישט איבערראשט געווארן ווען ער האט נישט געזען אויף אים א צייכן פון זיך וועקן. מיט די צווייטע האנט האט ער שנעל געקלינגען באשטעלן א אמבולאנס.

דער פאטער וואס איז געזיצן אויפן אונטערשטן באנק האט געביסן זיינע נעגל אנגעצויגענערהייט, ער האט געוואוסט אז יעדע מינוט איז קריטיש אויף די לעבן פון זיין זון און ער האט געטריבן דעם דרייווער פון די אמבולאנס ער זאל צואיילן די וועג, אבער פאר אים האבן זיך געשלענגלט אסאך באסעס און מאשינען.

אינמיטן וועג האט ער געקלינגען צו זיינע דערשראקענע קינדער וואס ער האט איבערגעלאזט אין שטוב זיי מט בארואיגן און דערמאנען זיי זאלן דאווענען אויף זייער קליינער ברודער. פון די אנדערע זייט פון די ליין האט זיך געהערט די שטימע פונעם גרויסן זון. ער האט געוואלט בארואיגן זיינע עלטערן אז ער געבט זיך אפ מיט די קינדער אין שטוב וואס זאגן שוין תהלים מיט גרויס געפיל, און נאכדעם האט ער געפרעגט: "מיר האבן געטראכט אז אויסער זאגן תהלים לוינט זיך מיר זאלן זיך מחזק זיין מיט עפעס, אפשר האט טאטי עפעס א געדאנק?".

פארן פאטער איז שווער געווען צו ענטפערן, זיין מח איז געווען קאנצענטרירט נאר אין די באס וואס האט פארמאכט די וועג און האט אפגעהאלטן די אמבולאנס צו קענען פארן, אבער דער זון האט נישט נאכגעלאזט און האט איבערגעזאגט זיין פראגע. ווען ער האט מצליח אז זיין פאטער האט געהערט די פראגע, האט ער באלד געענטפערט: "וואס איז טייטש מיט וואס? זיכער מיט ענטפערן אמן נאך ברכות השחר!".

אין דער ערשטער מינוט האט דער פאטער נישט געוואוסט וואס האט אים צוגעברענגט אויסוועלן דוקא די חיזוק, אבער א מינוט שפעטער האט ער פארשטאנען; דער באס וואס איז געשטאנען אין וועג פאר די אמבולאנס איז אינגאנצן באצירט געווען מיט פראפעגאנדע פון 'בני אמונים' וואס בעט דעם ציבור זיך מחזק זיין מיט ענטפערן אמן נאך ברכות השחר. עס זעט אויס אז די ווערטער איז אויפגעכאפט געווארן אין זיין מח און געווען דער מקור פון זיין ענטפער פאר זיין זון.

די קינדער האבן זיך מקבל געווען אז פון יעצט און ווייטער וועלן זיי מקפיד זאגן ברכות השחר אויפן קול און ענטפערן אמן נאך די ברכות פון אנדערע, און האבן געהאפט אז אט די קבלה וועט זיין א זכות פאר זייער קליינער ברודער.

וואונדער איבער וואונדער. ווען דער פאטער האט נאכאמאל געוואלט כאפן א בליק אויף די מודעה האט ער עס שוין נישט זען. אין יענע מינוט האט זיך די וועג געעפענט און די אמבולאנס איז באלד אנגעקומען אין שפיטאל.

אין שפיטאל האט מען באלד באהאנדלט דאס קינד מיט די ריכטיגע באהאנדלונג און אים געשיקט צו א סעריע אינערליכע און אויסערליכע אונטערזוכונגען. מיטן אויבערשטנ'ס הילף האט מען נישט געזען קיין שפורן פון די שעדליכע געטראנק.

פארן באפרייען האט דער הויפט דאקטער וואס האט גע'חתמ'עט די באפרייאונג'ס צעטיל געזאגט פאר די עלטערן: "ענק האבן געהאט א נס אז ענק זענען אנגעקומען אין צייט. וואלטן ענק געווארט נאך עטליכע מינוט קען זיין אז די שאדן וואלט געווען דאפעלט". נאנט צום עלות השחר זענען זיי אלע באפרייט געווארן פון שפיטאל.

ווען זיי זענען אויפגעשטאנען אינדערפריה איז די ערשטע זאך וואס איז ארויפגעקומען אין זייער מח געווען די קבלה וואס זיי האבן זיך נעכטן אונטערגענומען. די קבלה וואס האט געעפענט די וועג פאר די אמבולאנס און איר ערמעגליכט אנקומען אין שפיטאל פאר די לעצטע מינוט.

פון יענעם אינדערפריה געבן אכטונג די פאמיליע פ. לויבן ה' יעדן אינדערפריה מיטן זאגן שלימות'דיגע ברכות השחר וואס זענען פאר'חתמ'עט ווי עס דארף צו זיין דורך ענטפערן אמן, ווען פון די זייט שטעלט זיך צו דער קליינער אורי און ענטפערט אמן מיט התלהבות נאך יעדע ברכה.

געהערט פון די בעל המעשה

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה 'ברוך שאמר'

### די מקור פון די ברכה

דעם נוסח פון די ברכה 'ברוך שאמר' האבן די אנשי כנסת הגדולה מתקן געווען געבויעט אויף א נוסח וואס איז געווען געשריבן אויף א צעטיל וואס איז אראפגעפאלן פון הימל (ט"ז או"ח נא א בשם ה'אור זרוע') און איז געטראפן געווארן אויף די קבר פון יחזקאל הנביא (פירוש 'עץ חיים' [למהרי"ץ] על ברוך שאמר). די ברכה ווערט נישט דערמאנט אין גמרא, אבער עס ווערט דערמאנט אין זוהר (ויקהל רטו ב).

דער טור (או"ח נא) ברענגט אין נאמען פון ספר היכלות אז אין די ברכה איז דא פ"ז תיבות און דער סימן אויף דעם: "ראשו [די אנהייב פון תפילה] כתם פז' (שה"ש ה יא)...". וועגן דעם שרייבן די פוסקים מ'זאל נישט אראפנעמען אדער צולייגן אפילו איין ווארט אויף די פ"ז ווערטער וואס מ'האט מתקן געווען (משנ"ב או"ח נא טו).

### די געבוי פון די ברכה

די ברכה 'ברוך שאמר' ווערט צוטיילט אין צוויי: אינעם ערשטן טייל לויבן מיר ה' אויפן באשאפן דער וועלט און זיין הנהגה. דער מהרש"ל (שו"ת, סי' סד) שרייבט אז אין דער טייל ווערט דערמאנט צען שבחים וואס הייבן זיך אן מיט 'ברוך' אקעגן די עשרת הדברות. דער צווייטער טייל איז די ברכה - וואס הייבט זיך אן 'ברוך אתה ה' אלוקינו...', און ענדיגט זיך 'ברוך אתה ה' מלך מהולל בתשבחות'.

דער 'ערוך השולחן' (או"ח נא ג) צייכנט צו אז די ברכה איז אנדערשט פון אנדערע ברכות, מיט דעם וואס אנדערשט פון אלע ברכות וואס הייבן זיך אן מיט 'ברוך' און ענדיגן זיך מיט 'ברוך', וואו דארט האט מען מתקן געווען זאגן "ברוך אתה ה'" אנהייב די ברכה, ביי די ברכה זאג מען עס אינמיטן די ברכה. וועגן דעם פירט ער אויס אז דער ערשטער טייל פון 'ברוך שאמר' איז נאר ווי א אריינפיר צו די ברכה, און די ברכה זעלבסט הייבט זיך אן ביים צווייטן טייל, ביי די ווערטער "ברוך אתה ה'...".

### וואס איז די ברכה

דער 'ארחות חיים' (ח"א דין מאה ברכות) שרייבט, אזוי ווי די חכמים האבן מתקן געווען זאגן א ברכה פארן זאגן הלל און ביי די ענדע, אזוי האבן די חכמים אויך מתקן געווען צו זאגן די ברכה פון 'ברוך שאמר' פארן זאגן די 'פסוקי דזמרה' און די ברכה 'ישתבח' ביים ענדיגן. עס איז אינטערעסאנט צוצייכענען אז דער 'מגן אברהם' (תכב ו, עי"ש) פסק'נט אז דער וואס האט פארשפעטיגט קומען אין שול צום דאווענען אין די טעג וואס מ'זאגט הלל, און האלט אינמיטן 'פסוקי דזמרה' ווען דער ציבור זאגט הלל, זאל מיטזאגן הלל מיט זיי, אבער ער זאל נישט זאגן א ברכה בעפאר און נישט נאכדעם, ווייל די ברכה 'ברוך שאמר' פטר'ט די ברכה פון בעפאר הלל, און די ברכה 'ישתבח' וואס ווערט געזאגט נאך 'פסוקי דזמרה' פטר'ט די ברכה פון נאך הלל (וראה שם שכתב שלא יעשה כן אלא בימים שאין גומרים בהן את ההלל).

### 'רבי שמשון ברוך-שאמר'

אין די תקופה פון די ראשונים האט געלעבט א חכם מיטן נאמען רבי שמשון בן אליעזר, וואס דער פאלק האט אים גערופן 'ברוך-שאמר'. אין זיין הקדמה אויפן פירוש וואס ער האט געשריבן אויפן ספר 'תיקון תפילין', א פירוש וואס ווערט אויך אנגערופן: 'ברוך שאמר', ערקלערט רבי שמשון פארוואס ער האט זוכה געווען מ'זאל אים אזוי רופן: זייענדיג אין עלטער פון אכט יאר איז ער פאר"יתום'ט געווארן פון זיינע עלטערן און איז געבליבן עלנד אויף דער וועלט. כאטש ער האט נישט געהאט עלטערן וואס זאלן אים ערציהען, האט דער אבי יתומים אויף אים רחמנות געהאט. אלס קליין קינד איז ער אויפגעשטאנען פריה און געגאנגען אין שול, און זייענדיג באשאנקען מיט א זיסע שטימע, האט ער זיך געפירט צו זאגן יעדן אינדערפריה די ברכה 'ברוך שאמר' אויפן קול און מיט א ספעציעלע זיסקייט. ווייל ער האט זיך אזוי געפירט א לאנגע צייט, האט ער זוכה געווען מ'זאל אים רופן אויף די נאמען פון די ברכה.

### די כוונה פון אמן

**'אמן' - עס איז אמת אז דער אויבערשטער איז דער קעניג וואס ווערט שטענדיג געלויבט מיט שבחים וואס מ'לויבט אים און איך גלייב אין דעם.**

# אוצר הברכות

מאה ברכות אין די פרשה

## די 'מאה שערים' עפענען זיך דורך די 'מאה ברכות'

**"וַיִּזְרַע יִצְחָק בָּאָרֶץ הַהִוא וַיִּמְצָא בַּשָּׁנָה הַהִוא מֵאָה שְׁעָרִים וַיְבָרְכֵהוּ ה'" (כו יב)**

**רבי מנחם ריקאנטי** שרייבט: אין הימל זענען דא הונדערט טויערן פון ברכה, און פון זיי איז יצחק געבענטשט געווארן מיט הונדערט ערליי ברכות. ווייל די הונדערט טויערן פון ברכה עפענען זיך נאר דורך זאגן די 'מאה ברכות' אזוי ווי די חכמים האבן מתקן געווען, וועגן דעם נאר דער וואס איז מקפיד צו זאגן יעדן טאג די מאה ברכות איז זוכה עס זאל זיך עפענען פאר אים די הונדערט טויערן פון ברכה און ווערט געבענטשט מיט מאה ברכות.

דער **'שפת אמת'** האט צו דעם געברענגט א וואונדערליכן רמז: דער חיוב פון זאגן מאה ברכות יעדן טאג האבן די חכמים (תנחומא קרח יב) מסמיך געווען אויפן פסוק (דברים י יב): "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה...", און האבן גע'דרש'נט: 'אל תקרי 'מה' - אלא 'מאה''. און אויף דעם אופן קען מען אויך דרש'ענען דעם פסוק (תהלים לא כ): "מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ"; 'אל תקרי 'מה' - אלא 'מאה'', אז דער וואס איז מקפיד צו זאגן די מאה ברכות ווי עס דארף צו זיין, איז זוכה עס זאל זיך עפענען פאר אים הונדערט טויערן פון ברכה.

'פירוש הרקאנטי' על התורה; 'שפת אמת' תרנ"ז

**"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".**

# שחר אבקשך

פערל ווערטער
איף די גרויסע מעלה פון השכמת הבוקר

## דער ערשטער סעיף אין שולחן ערוך

רבינו יוסף קארו הייבט אן זיין גרויסן חיבור דער 'שולחן ערוך', מיט די ווערטער: "יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו, שיהא הוא מעורר השחר". נישט אומזינסט האט דער שולחן ערוך אנגעהויבן זיין חיבור מיט אט די הלכה, ווען ער וואלט נישט געזען אין די הלכה דער יסוד פון מקיים זיין מצוות און עבודת ה'; ווען דער מענטש הייבט אן זיין טאג מיטן זיך מתגבר זיין אויפצושטיין בזריזות, וועט זיך די גאנצע טאג פירן ווי עס דארף צו זיין. רבי אברהם אזולאי ברענגט אויף דעם א רמז פון די גמרא (ברכות נח א): "הבא להרגך - השכם להרגו". דער סוד פון זיך שטארקן אויפן יצר הרע "הבא להרגך" איז דורך - "**השכם** להורגו"; ווען א מענטש הייבט אן זיין טאג מיטן זיך שטארקן אויף דעם יצר וואס רעדט אים צו ער זאל ווייטער ליגן, וועט ער זיך ווייטער קענען שטארקן אין לויף פונעם גאנצן טאג, אבער אויב באלד ווען ער האט געדארפט אויפשטיין פאלגט ער זיין שלעכטן יצר און שלאפט ווייטער, וויאזוי וועט ער זיך קענען אקעגן שטעלן אין לויף פון די גאנצע טאג?! ('רוח חיים' [לר"ח פאלאג'י] או"ח א ד).

## די ערשטע פראגע אין בית דין של מעלה

ווען דער משגיח רבי אליהו לאפיאן איז אנגעקומען צו די עלטערע יארן, האבן אים זיינע תלמידים פארגעשלאגן ער זאל זיך רעכענען מיט זיין געזונט-צושטאנד און אביסל שפעטער אויפשטיין. האט רבי אליהו זיי געענטפערט: נאך מיין פטירה וועל איך דאך דארפן שטיין פאר די בית דין של מעלה, און דארט וועל איך דארפן אפגעבן א דין וחשבון אויף יעדע סעיף און סעיף פון שולחן ערוך אויב איך האב זיי מקיים זיין, וואספארא פנים וועל איך האבן ווען מ'וועט מיך פרעגן אויף דעם ערשטן סעיף אין שולחן ערוך - "יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו" וועל איך דארפן זיך פארענטפערן און ערקלערן פארוואס איך האב עס נישט מקיים געווען ווי עס דארף צו זיין? ('רבינו הגדול אמרו' עמ' שע"ח).

# אגרות אמונים

א בריוו פון א געטרייער לייענער

**לכבוד 'בני אמונים' שלום רב!**

איך בין א שטענדיגער לייענער פון ענקער וואונדערליכן גליון, און יעדעס מאל פון דאסניי ווער איך אינגאנצן איבערגענומען פון ענקערע געבענטשטע אקטיוויטעטן.

ענק זענען שטענדיג מעורר אויף גאר א דערהויבענער ענין. עס טוט זייער ווי דאס הארץ, אז מ'דארף בכלל מעורר זיין אויף אזא חשובע מצוה. עס איז ווייטאגליך צו זען אז עס זענען דא צווישן בני תורה וואס ווייסן נאכנישט די חשיבות פון ענטפערן אמן.

רוב דאווענען וואס חז"ל האבן אונז מתקן געווען איז צוזאמגעשטעלט פון ברכות און אמן: ברכות השחר, ברוך שאמר און ישתבח ביי די פסוקי דזמרה, ברכות קריאת שמע, שמונה עשרה, קדיש, ברכת המזון, ברכת הנהנין. מער פון דעם, מ'האט דאך מתקן געווען פארן בעל תפילה זאל זיך ווענדן צום ציבור און זיי ערוועקן: 'ברכו את ה'...', אזוי אויך: 'ואמרו אמן'.

פארוואס האט מען מתקן געווען חזרת הש"ץ אויב נישט מ'זאל ענטפערן אמן? אויב איז נישטא קיין ניין מענטשן וואס ענטפערן אמן, איז נישטא קיין חזרת הש"ץ.

דאס איז אויך די איינציגסטע טעמע וואס אויף דעם איז פאראן א ספעציעלע באציאונג שולחן ערוך אז מ'דארף מחנך זיין די קליינע אויף דעם. און אויך אויב מ'איז נישט מחנך ווי עס דארף צו זיין, זאל מען צום וויניג'סטנס ווייזן א אייגענע מוסטער.

פארשטייט זיך אז ענק האבן אסאך פארבעסערט אין דעם געביט. דאס איז נישט אזוי ווי עס איז געווען און אויף דעם קומט זיך פאר ענק דעם גרעסטן כבוד און שעצונג, אבער ביטע נישט נאכלאזן, זייט מעורר נאך און נאך, ענק האבן די ריכטיגע כלים, די ריכטיגע צוגאנג, א געלונגענע ערקלערונג און דער הויפט זאך סייעתא דשמיא.

איך טוה אסאך אין אלע פלעצער ווי איך דאוון. פון ווייטאג רעד איך פון מאל צו מאל אביסל שארף. איך וועל ענק מיטטיילן מיט א ווארט וואס איך האב לעצטנס געזאגט. א רמז וואס איך האב געטראכט:

מיר זאגן אין תהילים פרק מט פסוק ו: "למה אירא בימי רע עון עקבי יסובני". פארוואס זאל איך זיך שרעקן פון די שלעכטע טעג? 'עקבי' יסובני. און **עקבי** איז גימטריה 182, צוויי מאל 'אמן'. די זינד פון נישט ענטפערן אמן וואס נעמט אונז ארום אגאנצן טאג, ביים דאווענען, אין הויז, אין די ארבעט. און מיר פארהוילן זיך פון דעם.

יישר כוחכם
**מ.ק, בני ברק**

מען קען שיקן בריוו צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס (להכניס את המייל של וכל מאמינים)

# צדיק באמונתו

אמן און ברכות אין די ווער פונעם בעל הילולא



## דער מהרש"א

### ה' כסליו שצ"ב

רבי שמואל אליעזר בן רבי יהודה הלוי, איז אנגערופן געווארן רבי שמואל איידל'ס אויף די נאמען פון זיין שוויגער מרת איידל, וואס האט אים אויסגעהאלטן צוזאמען מיט די ישיבה וואס ער האט אויפגעשטעלט אין שטאט פוזנא, און דורך דעם האט זי אים ערמעגליכט צו קענען לערנען תורה מיט תלמידים. נאך איר פטירה האט ער געדינט ברבנות אין פארשידענע שטעט, ביז ער איז פארופן געווארן צו דינען אלץ רב און ראש ישיבה אין אויסטראה וואס איז אין אוקריינא, וואו דארט איז ער נפטר געווארן און באערדיגט געווארן.

דער מהרש"א האט מחבר געווען צוויי ספרים אויף ש"ס: 'חידושי הלכות' וואס ערקלערט די הלכה'דיגע טייל פון תלמוד בבלי, און 'חידושי אגדות' וואס ערקלערט די דברי אגדה וואס זענען פאראן אין גמרא. אט די ספרים זענען צוזאמגעשטעלט געווארן לויט די סדר פון די בלעטער פון די גמרא.

### פאלגנד איז א ליקוט פון זיינע ווערטער אויף די גרויסע שכר פון דער וואס ענטפערט אמן:

טראץ וואס יעדער האט א וואוינונג אין גן עדן לויט זיינע מעשים, פאר דער וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן, עפענען זיך די טויערן פון אלע וואוינונגען, אזוי ווי די חכמים זאגן (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו **שערי** גן עדן" ('חידושי אגדות' שבת קיט ב).

די ברכות און איבערהויפט דאס מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן, מאכן שטיל די מקטרגים וואס ווילן פארמיידן דעם מענטש פון זיך צו קענען שפייזן בכבוד און בהרחבה. דעריבער האבן די חכמים מתקן געווען צו זאגן א ברכה און ענטפערן אמן אויף יעדע סעוודה וואס דער מענטש לייגט אריין אין זיין מויל ('חידושי אגדות' נזיר סו ב).